ביז אז נעכסן פאר שבועות האט ביי אים געפעלט אין התמדה ושקידה אין ליבוד התורה, האט אים זיין בלכד געזאגט אז דער אויבערשטער ווערט דערפאר אין-כעס, און דערפאר דארף ער דאס מתקן זיין און לערנען נאכמער בהתמדה ובשקידה - איז צי דען וואס מ'האט אים געבענטשט אין ברכה כהנים פטר'ט דאס אים?!

אמת טאקע אז דער אויבערשטער איז א "ארך אפים". און ער ווארט אז ער זאל תשובה טאן - אבער מ'קען ניט זאגן אז דער גאנצער כעס איז אפגעווישט געווארן און דער אויבערשטער האט אויף אלץ פארגעסן און איז צופרידן מיט אים וכו'!

ענטפערט אים רש"י, אז דערפאר טאקע קומט דערנאך די ברכה פון "ישא ה' פניו אליך": די ברכה קומט צו באווארענען אז אפילו אויב דער איד האט געטאן א דבר בלתי רצוי, וואס דערפון ווערט דער אויבערשטער אין-כעס - איז "ישא ה' פניו אליך" - יכבוש כעסו", דער אויבערשטער וועט כובש זיין, איינפרעסן און איינהאלטן זיין כעס, ד.ה. ניט אז דער אויבערשטער האט ניט קיין כעס, ער האט כעס, נאר ער האלט דאס איין, ובכילא איז ער דערוויילע מברך דעם אידן מיט "יברכך - שיתברכו נכסיך" און שאר הברכות וואס דער איד באקומט אין ברכה כהנים.

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס רש"י איז מפרש אז דער פנים פון "ישא ה' פניו אליך" איז אן אנדער פנים ווי עס שטייט פריער "יאר ה' פניו אליך" - ווארום דא קומט די ברכה באווארענען דער כעס וואס דער אויבערשטער האט פון דעם וואס א איד טוט א דבר בלתי רצוי.

מח. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין וואס דער פסוק זאגט נאך "ישא ה' פניו אליך" - וישם לך שלום", און פארוואס רש"י איז אויף דעם גארניט מפרש (ווי געפרעגט לעצכן שבת):

וויבאלד אז ס'איז דא א מציאות פון כעס פון דעם אויבערשטן אויף אידן (מצד די דברים בלתי רצויים וואס זיי האבן געטאן), איז דא א מקום צו זאגן אז אע"פ וואס דער אויבערשטער איז כובש זיין כעס, גייט ער אבער ארום א פארכמורעטער כביכול (ה"ו) - באווארנט גלייך דער פסוק: "וישם לך שלום" - אז דער אויבערשטער מאכט שלום מיט אים, ד.ה. אז כאטש ער האט א כעס אויף דעם אידן, איז "יאר ה' פניו אליך", דער אויבערשטער גייט ניט ארום א פארכמורעטער, און ס'איז אויך "וישם לך שלום".

מט. דער ביאור אין וואס עס באשטייט "גנותן של ישראל" פון דעם וואס אידן האבן ניט מקריב געווען דעם קרבן פסח במשך <<<

- אלע -

אלע 38 יאר אין מדבר – זיי האבן דאך געהאט דעם ציווי אז מ'טאר עס דארטן ניט מקריב זיין:

ווי גערעדט כמ"פ אז בשעת דער בן חמש למקרא איז אין מיטן לערנען אן עניין און ער האט א קשיא – ווארט ער מיט זיין קשיא ביז ער וועט ענדיקן לערנען דעם גאנצן עניין, ווארום דעמולט וועט אפשר פארענטפערט ווערן זיין קשיא.

עד"ז בנוגע צו דער קשיא אין וואס באשטייט גנותן של ישראל פון דעם וואס זיי האבן ניט מקריב געווען דעם קרבן פסח אלע 38 יאר אין מדבר – וועט דאס פארענטפערט ווערן בא דעם בן חמש למקרא ווען ער לערנט די גאנצע פרשה פון פסח שני:

דער בן חמש למקרא וועט לערנען ווייטער אין דער פרשה אז דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אידן אז זיי זאלן מקריב זיין דעם קרבן פסח במועדו (בארבעה עשר יום בחודש) אין מדבר, דערנאך זיינען געווען "אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם ולא יכלו לעשות את הפסח ביום ההוא". און זיי זיינען געקומען צו משה ואהרן און גע'טענה'ט "אנחנו טמאים לנפש אדם למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו בתוך בני ישראל"? און טענתם איז נתקבל געווארן בא דעם אויבערשטן, ביז עס האט ביי אים ארויסגערופן א ציווי חדש פון קענען ברענגען א פסח שני וועלכער איז פארבונדן מיט דינים חדשים וכו'.

עפ"ז פארשטייט דער בן חמש למקרא וואס איז גנותן של ישראל אין דעם וואס זיי האבן ניט מקריב געווען דעם קרבן פסח אלע 38 יאר אין מדבר:

אמת טאקע אז "תלה הכתוב מצוה זו (פון הקרבן קרבן פסח) בביאתם לארץ", און אין מדבר זיינען זיי ניט געווען מחוייב בזה, ווי רש"י זאגט אין פ' בא – רש"י איז אבער גלייך ממשיך אז בשנה השנית אין מדבר האבן אידן יע מקריב געווען א קרבן פסח על פי הדיבור, און ווי ער לערנט אין דער פרשה, ד.ה. אז הגם קרבן פסח איז תלוי בביאתם לארץ, איז אבער דא א מעגלעכקייט אז מ'זאל דאס מקריב זיין אויך אין מדבר, ווי ס'איז געווען בשנה השנית על פי הדיבור,

און דערצו זעט דער בן חמש למקרא פון דער פרשה דא אז א <u>מיעוט</u> אידן וואס האבן ניט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח (מצד טומאתם) האבן געמאנט און גע'טענה'ט "למה נגרע" פון ברענגען דעם קרבן פסח, און דורך זייער טענה האבן זיי גע'פועל'ט בא דעם אויבערשטן אז ער זאל געבן א ציווי חדש פון פסח שני, וואס גיט זיי די מעגלעכקייט צו מקריב זיין דעם קרבן –

– היינט –

היינט ווי קומט עס אז אלע אידן כולל אויך משה ואהרן זיינען געזעצן און געשוויגן במשך פון 38 יאר אין מדבר וואו זיי האבן ניט מקריב געווען די אלע יארן א קרבן פסח?!

ס'איז לא יאומן כי יסופר - אז נאך דעם וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אידן צו מקריב זיין דעם קרבן פסח פסח, און בשעת נאר א מיעוט פון אידן האבן גע'טענה'ט "למה נגרע" האט דער אויבערשטער זיי נאכגעגעבן און זיי געזאגט אז זיי קענען מקריב זיין א קרבן פסח שני - זאל קיין איין און איינציקער איד ניט קומען צום אויבערשטן איבער-א-יאר פסח (בשנה השלישיה), און אזוי אויך במשך די אלע 38 יאר א· אין מדבר, און טענה'ן: דו אליין האסט דאך פאר-א-יארן געזאגט אז מ'זאל מקריב זיין דעם קרבן פסח (אע"פ וואס די מצוה איז תלוי בביאתם לארץ), און בשעת נאר עטלעכע אידן האבן גע'טענה'ט "למה נגרע" האסטו זיי נאכגעגעבן און געלאזט מקריב זיין א פסח שני - איז פארוואס זאגסטו אונז ניט אן צו מקריב זיין דעם קרבן פסח אויך דעם יאר?!

און ס'איז א זיכערע זאך אז אויב אלע אידן וואלטן אזוי גע'טענה'ט וואלט דאס זיכער גע'פועל'ט בא דעם אויבערשטן במכ"ש דערפון וואס ווען עטלעכע אידן האבן גע'טענה'ט "למה נגרע" האט זיי דער אויבערשטער נאכגעגעבן!

און אט דאס איז "גנותן של ישראל", אז במשך די אלע 38 יאר אין מדבר האבן זיי ניט געמאנט פון דעם אויבערשטן אז ער זאל זיי אנזאגן צו מקריב זיין דעם קרבן פסח פונקט ווי ער האט דאס געטאן בשנה השניה.

ג. בשלמא בנוגע צו שאר המצוות התלויות בארץ - איז קיין קשיא ניט פארוואס אידן האבן ניט געמאנט אז מ'זאל זיי מקיים זיין אין מדבר, ווארום זיי זיינען אזוי ווי אלע מצוות התלויות בזמן, ובמילא קלעפט ניט צו מאנען אז מ'זאל מקיים זיין א געוויסע מצוה וואס איז תלוי אין א געוויסן זמן - אויך אין אן אנדער זמן.

אזוי אויך בנוגע צו מצוות התלויות בארץ - קלעפט ניט צו מאנען אז מ'זאל זיי מקיים זיין אויך אין מדבר:

אין מדבר זיינען אידן געווען במקום אחד 19 יאר[199], האבן זיי דארטן געקענט האבן שדות וכו', קען מען דאך מיינען אז מ'וועט דארטן מקיים זיין די מצוה פון שמיטה, אז עס וועט זיין "שש שנים תזרע שדיך וגו' ובשנה השביעית.. שבת לה'"[200], ועד"ז קען מען מיינען אז מ'וועט דארטן געבן תרומות ומעשרות צום כהן ולוי, ווארום לכאורה איז דאס מערניט

- ווי -

---

199) פרש"י עה"פ ונשב שם ימים רבים כימים אשר ישבתם בקדש ברנע (דברים א, מו). 200) בהר כה, ג-ד.

ווי אן ענין פון צדקה קען מען דאס טאן אויך אין מדבר - זאגט מען אז דאס קלעפט אינגאנצן ניט, ווארום וויבאלד אז די מצוות האט דער אויבערשטער לכתחילה קובע געווען אז זיי זאלן זיין תלויות בארץ דוקא - קען מען און מ'טאר זיי ניט מקיים זיין אין מדבר.

בדוגמא ווי א איד וועט קומען זאגן - אז היות אז הקרבת הקרבנות טוט אויף א"נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני"[201] - וויל ער מקריב זיין קרבנות ניט נאר ביום נאר אויך בלילה!

זאגט מען אז דאס קען ניט זיין, ווארום הקרבה הקרבנות איז מלכתחילה געגעבן אויף ביום און ניט אויף בלילה[202].

משא"כ אבער בנוגע צו מצות קרבן פסח, איז הגם אז די תורה האט דאס תולה געווען בביאתם לארץ - זעט מען אבער אז בשנה השנית האט דער אויבערשטער אנגעזאגט אז מ'זאל דאס מקריב זיין, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז ס'איז ניט קיין הכרח אז מ'זאל מקריב זיין דעם קרבן פסח דוקא אין ארץ ישראל - האבן די אידן, ובפרט משה ואהרן, געדארפט מאנען אז מ'וויל מקריב זיין אין מדבר א קרבן פסח אויך בשנה השלישית און בכל השנים, אזוי ווי דאס איז געווען אין שנה השנית (ע"פ הדיבור), פונקט ווי א מיעוט אידן האבן געמאנט (בשנה השנית) "למה נגרע".

און דאס וואס זיי האבן דאס ניט געמאנט - אט דאס איז "גנותן של ישראל".

נא. עפ"ז וועדט אבער די שאלה פאדקערט:

פארוואס האבן משה ואהרן טאקע ניט געמאנט במשך די אלע 38 יאר אין מדבר אז מ'וויל מקריב זיין דעם קרבן פסח?!

איז דער ביאור בזה - וועט מען לאזן פאר יעדערן אליין צו טראכטן.

נב. דער ביאור אין דעם חילוק צווישן צוויי (ווי ס'ברענגט זיך אין די הערות אויפן זהר) מיט דריי:

מ'האט פריער גערעדט אז דער ענין פון מתן תורה איז פארבונדן מיט שלשה, ווי די גמרא זאגט אז בא מתן תורה איז געגעבן געווארן "אוריאן תליתאי לעם תליתאי ע"י תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי", וואס בכל זה זעט מען די הדגשה אויף שלשה.

וואס דאס איז דער "שליסל" צו פארשטיין דעם חילוק בין

- שנים - ------------

201) ספרי (הובא בפרש"י) עה"פ פינחס כח, ח. 202) זבחים צח, א. רמב"ם הל' מעשה הקרבנות פ"ד ה"א.